פרשת יתרו ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון ל"ט ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר שמות
ע"י אחד מבני החבורה
לעילוי נשמת אביו ע"ה
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם

## בך בטחתי

## וקוי ה' יחליפו כח;

די שייכות פון 'געזונט' צו 'פרנסה'

שיעורי חוה"ל שער הבטחון שיעור כ"א, יום רביעי פרשת וילך ג' תשרי תש"פ

א

## סומך צדיקים ה'; ווען מען ווייסט אַז די יסורים איז אַ מתנה איז דאָס אַסאַך לייכטער

### די זעקסטע תועלת פון דעם 'בעל בטחון'

מיר זענען ממשיך צו לערנען די פּתיחה פון שער הבטחון, וואו דער חובת הלבבות רעכנט אויס צען זאַכן מיט וואָס דער בעל בטחון האָט אַ רואיגערע און געשמאַקערע לעבן פון דעם 'בעל האלכימיה', וועלכער האָט לכאורה אַ גאָר גוטע פּרנסה און פאַרדינט אַסאַך געלט, אָבער דאָס לעבן פון דעם בעל בטחון איז מיט צען זאַכן בעסער פון אים.

מיר האַלטן ביי די זעקס מעלה פון דער ליסטע: **"והששי, שבעל הכימיה אינו בטוח מהחליים והמדוים"** - אפילו איינער וואָס האָט גאָר אַסאַך געלט און האָט אַ פעסטע פּרנסה, אָבער ווען ס'קומט צו די נושא פון 'געזונט' איז ער בכלל נישט פאַרזיכערט אַז ער וועט נישט כאַפּן קיין מחלה ל"ע. ער קען חלילה האָבן אַ שווערע לעבן פון צער און קרענק מיט זיין גאַנצע געלט צוזאַמען.

**"שמערבבין עליו שמחתו בעשרו"** - די מחלה קען צעמישן זיין גאַנצע שמחה פון זיין רייכקייט. ער קען נישט הנאה האָבן פון זיין עשירות וויבאַלד ס'איז אויסגעמישט מיט'ן צער פון זיין מחלה.

**"ואינם מניחין אותו ליהנות ממה שיש לו ולא להתענג במה שהשיגה ידו"** - די קרענק לאָזט אים נישט געניסן פון זיין רייכטום. אויסער די הנאה וואָס אַ מענטש האָט פון די עצם געלט, האָט ער אַ באַזונדערע סיפּוק פון דעם מציאות אַז ער האָט עפּעס דערגרייכט, ער איז אָנגעקומען נאָכ'ן שווער אַרבעטן. אָבער די ביידע הנאות קען מען פאַרלירן אויב מען איז קראַנק ל"ע. מען האָט נישט די ישוב הדעת זיך צו פרייען מיט די הצלחות פון געלט.

**"והבוטח בה' בטוח מן המדוים והחליים, אלא על דרך הכפרה או על דרך התמורה"** - אָבער דער בוטח בה' איז פאַרזיכערט פון ווייטאָגן און פון קרענק.

איי, מ'זעט דאך פאָרט, אַז ס'איז פאַרהאַן אידן וואָס זענען אמת'ע בעלי בטחון און זיי האָבן יאָ מחלות?! זאָגט דער חובת הלבבות אַז דאָס קען זיין צוליב צוויי אופנים; אָדער **"על דרך הכפרה"**, דער אויבערשטער האָט אים ספּעציעל געגעבן די קרענק אַז ס'זאָל אים זיין כפרת עוונות. אָדער **"על דרך התמורה"**, דאָס הייסט אַז דער אויבערשטער וויל אים אויפטויישן, ער גיט אים 'יסורים של אהבה' אויף דער וועלט, און אויף יענע וועלט וועט ער אים געבן געוואַלדיגע שכר.

און דער חובת הלבבות ענדיגט צו מיט ראיות פון די פּסוקים: **"כמה שכתוב** (ישעיהו מ, ל)**: ויעפו נערים ויגעו ובחורים כשול יכשלו, ואמר** (שם לא)**: וקוי ה' יחליפו כח וגו', ואמר** (תהלים לז, יז)**: כי זרועות רשעים תשברנה וסומך צדיקים ה'."** - אפילו יונגע מענטשן קענען שוואַך ווערן, יונגע בחורים קענען זיך שטרויכלען און אומפאַלן אָבער די וואָס האָפן צום אויבערשטן, אפילו זיי זענען שוין עלטער, זענען זיי געזונט און שטאַרק, ווייל דער אויבערשטער איז סומך די צדיקים.

### די מדה פון בטחון העלפט אויך פאר געזונטהייט

פון די ווערטער פון דעם חובת הלבבות זען מיר אַז דער חילוק צווישן דעם 'בעל בטחון' און דעם אַנדערן וואָס איז נישט קיין בעל בטחון איז נישט בלויז לגבי פּרנסה, נאר אויך לגבי געזונט. דער 'בעל בטחון' איז בטוח אויך ביי דעם ענין פון געזונטהייט און קרענק.

עס קען זיך דוכטן מיט אונזערע פליישיגע אויגן אַז ביי דער טעמע פון געזונטהייט זעט מען נישט קיין חילוק אויב מ'האָט יאָ אָדער נישט בטחון. מען קען דאָך זען ערליכע אידן וואָס האָבן אַ שטאַרקע בטחון און זיי ליידן פון מחלות ל"ע. די סוגיא איז פּונקט ווי אַנדערע זאַכן אין לעבן, וואו דער יצר הרע מאַכט אַז ס'זאָל אונז אויסקוקן כאילו ס'איז נישטאָ קיין חילוק צווישן איינער וואָס פירט זיך ערליך און דעם אַנדערן וואָס פירט זיך נישט ערליך.

אויב מען איז זיך אָבער מתבונן און מען זוכט דעם אמת קען מען זען זאַכן אַנדערש ווי מ'האָט עס געזען ביז היינט. אויב מען קוקט ריכטיג זעט מען אַז דער בעל בטחון באַקומט פון הימל שטאַרקערע כוחות פון געזונט, מער ווי אַנדערע מענטשן, און אפילו ווען מען זעט אַן אמת'ער בעל בטחון וואָס איז נישט געזונט ל"ע, לערנט אונז דער חובת הלבבות אַז דאָס איז געקומען אָדער אַלס 'כפרת עוונות' אָדער אַלס 'תמורה' אים צוגעבן מער שכר אויף דער אייביגער וועלט.

### ווען די מחלה קומט ווייל מען איז דערווייטערט פון השי"ת

וועט אַ מענטש פרעגן: סוף כל סוף זענען ביידע קראַנק, אין הכי נמי אַז דער בעל בטחון איז קראַנק צוליב איין סיבה און דער אַנדערער איז קראַנק צוליב אן אַנדערע סיבה, וואָס איז אָבער די חילוק צווישן די צוויי?

דער תירוץ איז - ווי דער חובת הלבבות זאָגט - אַז ווען איינער וואָס האָט נישט קיין בטחון איז קראַנק ל"ע, איז די סיבה פון זיין קרענק **ווייל ער איז אָפּגעהאַקט פון זיין חיות.**

אַ איד וואָס לעבט מיט'ן אויבערשטן באַקומט אַלע זיינע שפע, זיין פּרנסה מיט זיין געזונט, פון דעם רבוש"ע וואָס איז דער מקור השפע. דער אויבערשטער גיט אים חיות, דער אויבערשטער גיט אים פּרנסה און געזונט. אָבער ווען אַ מענטש דערווייטערט זיך אַביסל פון דעם אויבערשטן, דעמאָלט קומט די שפע אַביסל שווערער. דאָ ווערט די פּרנסה מער אָנגעשטרענגט, דאָ ווערט ער נישט אַזוי געזונט. **די שפע קומט אים אָן אויף אַ שוואַכערן אופן, ווייל עס פעלט אים פון זיין חיות.** ער איז אָפּגעהאַקט פון דעם מקור החיות און דאָס איז גורם אַז ס'זאָל אים פעלן פון די גוטע השפּעות.

## ווען די מחלה קומט אַלס אַ 'מתנה' פון דעם רבוש"ע

מה שאין כן, דער בעל בטחון איז פּונקט פאַרקערט! **זיין קרענק קומט נישט פון קיין 'חסרון', נאר פון אַ ספּעציעלע 'נאָנטקייט'!** זיין מחלה איז בעצם אַ נתינה וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשיקט, ווייל ער וויל אים געבן גוטס! אָדער וויל אים השי"ת דערמיט געבן כפרת עוונות, אָדער וויל ער אים געבן מער שכר אויף יענע וועלט.

צוויי מענטשן קענען האָבן די זעלבע מחלות, אָבער די מחלות קומען פון צוויי פּונקט פאַרקערטע דירעקציעס. ביי איינעם קומט די קרענק אַלס אַ 'חסרון' ווייל ער איז ווייט פון דעם אויבערשטן, און **ביי דעם אַנדערן קומט עס אַלס אַ 'מתנה' ווייל ער איז אַזוי נאָנט צום אויבערשטן!**

## דער 'בעל בטחון' ליידט אַסאַך ווייניגער ווייל ער האָט אַ גוטע הרגשה

וואָס איז די חילוק אויף למעשה צווישן די צוויי מענטשן? ס'איז דאָ אַ גרויסע נפקא מינא אפילו פּראַקטיש גערעדט!

ווייל דער מענטש וואָס האָט יסורים צוליב דעם וואָס ער איז דערווייטערט פון השי"ת, שפּירט דעמאָלט די מורא'דיגע הרגשה פון 'ריחוק'. ער ליידט אַסאַך מער ווייל ער פילט אַז עפּעס טויג נישט. ער איז אָפּגעריסן פון זיין חיות און ער וויל ווערן צוריק נענטער.

ווידעראום די אמת'ע צדיקים, וואָס זענען געווען בעלי בטחון, האָבן געשפּירט אַז זייערע יסורים איז אַ מתנה פון דעם רבוש"ע! אפילו ווען זיי האָבן געליטן פון אַ מחלה האָבן זיי געשפּירט אַ ליכטיגקייט, זיי האָבן מרגיש געווען אַ טעם פון קרבת אלקים, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז דער אויבערשטער גיט זיי די שווערינקייט פאר זייער אייגענע טובה! **דאָס מאַכט דאָך אַזויפיל גרינגער פאַר'ן מענטש צו דורכגיין זיינע יסורים.**

אַזוי איז טאַקע באַקאַנט די מימרא פון הייליגן **צאַנזער רב זי"ע**, וואָס מ'זאָגט דאָס נאָך אויך פון אַנדערע צדיקים, אַז ווען אַ מענטש באַקומט אַ פּאַטש קען ער ווערן צעבראָכן, אָבער **אויב ער דרייט זיך אויס און ער זעט אַז דאָס קומט פון ליבשאַפט, פון זיין גוטן פריינד, דעמאָלט טוט אים די פּאַטש נישט וויי, אפילו ס'איז די זעלבע פּאַטש ווי פריער!**

וויבאַלד דער בעל בטחון ווייסט אַז די יסורים זענען אַ מתנה פון הימל טוט דאָס אויסטערליש שטאַרק פאַרלייכטערן פאַר אים די אַלע שווערינקייטן.

## ב

# החיל והחוסן לחי עולמים; די 'תוצאה' פון געלט קען מען נישט באַקומען אפילו דורך די בעסטע פּרנסה

## לכאורה איז דער שמועס פאַרקירעוועט געוואָרן צו אַ זייטיגע זאַך

ווען מען לערנט די אויבנדערמאַנטע ווערטער פון דעם חובת הלבבות קען ערוועקט ווערן אַ שטיקל קשיא, ווייל ווי דערמאַנט, שמועסט ער דאָ אויס אַז דער 'בעל בטחון' האָט אַסאַך מער רויח פון דעם מענטש וועלכער האָט די בעסטע פּרנסה און וואָס אַלע זענען אים מקנא.

ביז יעצט האָט דער חובת הלבבות אויסגערעכנט אַלע חסרונות וואָס האָט 'מיט די פּרנסה אַליין'. צום ביישפּיל האָט ער דערמאַנט אַז דער 'בעל האלכימיה' האט אייביג מורא אַז זיין סוד וועט אַרויסרינען, אָדער אַז די סאָרט אַרבעט פון פאַרוואַנדלן אייזן אויף גאָלד קען קראַנק מאַכן דעם מענטש צוליב די שעדליכע רויעך דערפון, א.א.וו. דאָס איז אַלעס זאַכן וואָס צייגט אַז מ'זאָל זיך נישט איינרעדן אַז מ'קען האָבן אַ מושלם'דיגע פּרנסה וואָס האָט נישט קיין שום חסרונות.

אָבער יעצט, ווען מען האַלט ביי די זעקסטע זאַך, קוקט עס אויס ווי דער מחבר איז אַוועקגעגאַנגען פון דעם ענין פון פּרנסה. אין אַנדערע ווערטער זאָגט ער: **"לאָמיר שוין זאָגן אַז די פּרנסה איז יאָ אַ שטאַרקע הצלחה, אָבער וואָס טוט זיך מיט קראנקהייט?!"**

ס'קוקט אויס ווי דער חובת הלבבות איז יעצט געקומען פון אַן אַנדערע טיר און ער הייבט אָן מסביר זיין אַז געלט איז נישט אַלעס, ס'איז דאָ נאָך אַנדערע זאַכן וואָס קענען מאַכן יסורים פאַר'ן מענטש, און דאָס האָט נישט מיט געלט.

אַזאַ טענה איז אַביסל שווער צו דערהערן, ווייל עס מאַכט דעם איינדרוק כאילו מצד די געלט איז עס טאַקע געוואַלדיג, אָבער כ'האָב דיך געכאַפּט פון אַן אַנדערע ריכטונג: "קוק אָן, יענער האָט טאַקע געלט, אָבער ער האָט אַנדערע צרות, ער האָט נעבעך נישט קיין נחת פון די קינדער, ער מוטשעט זיך מיט שידוכים"... כאילו די סאָרט פּרנסה אַליין איז יאָ אַ גוטע אויסוואַל.

## דו ווילסט מיך מסביר זיין אָדער דו ווילסט מיך סטראַשענען?...

אויב מען לערנט דאָס אויבערפלעכליך קען מען זיך וואונדערן: פאַרוואָס האָט דער חובת הלבבות אָפּגעלאָזט די חסרונות וואָס די פּרנסה האָט 'מחמת עצמו', און ער האָט אָנגעהויבן רעדן פון אַ זייטיגע זאַך, אַז אפשר וועט יענער האָבן צרות פון אַן אַנדערע ענין אינגאַנצן?! אַמאָל הערט זיך דאָס כאילו אַז מען האָט נישט וואָס צו אויפווייזן וועגן די חלק פון פּרנסה, דעריבער דאַרף מען לויפן ברענגען טענות פון אַ צווייטע פּלאַץ, ווייל לגבי די חלק פון פּרנסה איז דער 'בעל האלכימיה' יאָ פּונקט אַזוי גוט מסודר ווי דער בעל בטחון.

> **אפילו ווען זיי האָבן געליטן פון אַ מחלה האָבן זיי געשפּירט אַ ליכטיגקייט**

כ'האָב אַמאָל גערעדט מיט אַ אינגערמאַן וואָס מען האָט אים געדאַרפט מחזק זיין אַז ער זאָל זיך פירן ווי אַן ערליכער איד. אינמיטן האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט און געזאָגט: "אויב דו פירסט זיך אַזוי אויף, וואָס טראַכסטו וועט זיין מיט דיינע קינדער? וואָס פאַראַ סאָרט דורות קען אַרויסקומען אויב דו וועסט אָנגיין מיט אַזאַ סאָרט ווירטשאַפט?".

גלייך האָט יענער צוריקגעפרעגט: "דו ווילסט רעדן מיט מיר אָדער דו ווילסט מיך סטראַשן?..." זיין טענה איז געווען אַז ווען דו הייבסט אָן רעדן וועגן אַנדערע זאַכן, באַדייט דאָס אַז דו קענסט מיך נישט איבערצייגן מיט שכל אַז אַזוי דאַרף מען זיך פירן, דעריבער הייבסטו אָן נוצן אַנדערע כלים, צו סטראַשן אַז איך דאַרף מורא האָבן וועגן די קינדער וכדומה.

דער מענטש איז נישט גערעכט מיט דער טענה, ווייל דער אמת איז אַז אַסאַך מאָל מאַכט טאַקע די 'יראה' אַז מ'זאָל זיך נעמען אין די הענט אַריין, און ס'איז דאָ פעלער ווען ס'העלפט נישט קיין מסביר זיין דאַרף מען דעמאָלט גיין מיט אן אַנדערן אופן פון אָפּשרעקן. אָבער די געדאַנק פון דער טענה קען מען דערהערן: דו ווילסט מיך איבערצייגן אַז איך זאָל פאַרשטיין די זאַך אליינס אָדער דו קענסט מיך בלויז אָפּשרעקן צוליב זייטיגע זאַכן?

## די כוונה פונעם חוה"ל איז זיכער 'נישט' צו רעדן פון אַ זייטיגע חסרון

ווען מען לערנט דעם שטיקל חובת הלבבות אָן קיין התבוננות קען מען זיך טועה זיין און פרעגן די זעלבע סאָרט פראַגע: אויב דער מחבר דארף שוין רעדן פון אַ מציאות אַז אפשר וועט דער 'בעל האלכימיה' ווערן קראַנק, דעמאָלט איז פשוט אַז בעצם איז עס יאָ אַ גוטע פרנסה, נאר מען איז נאָך אַלס נישט פאַרזיכערט צוליב אַנדערע צרות. ס'איז נישט מסתבר אַז דאָס איז די כוונה פון דעם חובת הלבבות!

אויסערדעם איז קלאָר אַז דער חובת הלבבות האָט נישט געמיינט דאָ צו אָנהויבן רעדן פון אַן אַנדערע ענין, ווייל אַז מען לערנט ווייטער זעט מען אַז ער רעכנט אויס נאָך פיר שוועריגקייט וואָס דער 'בעל האלכימיה' האָט מיט די פרנסה אַליין. דער מחבר שמועסט ווייטער אויס נאָך אַנדערע פּראָבלעמען און חסרונות וואָס איז דאָ בעצם אין דער סאָרט פרנסה. דעריבער קען עס נישט זיין אַז דאָ אינמיטן דעם שמועס, ביי די זעקסטע זאַך, איז ער אַוועקגעפאָרן צו אַ צווייטע ריכטונג פון קרענק און מחלות, וואָס האָט נישט צוטון מיט די פרנסה.

## די תכלית פון געלט איז 'הנאה' מיט 'תענוג'

אָבער אַז מען לערנט גוט אָפּ דעם שטיקל זעט מען אַז די כוונה איז זייער פשוט: דער חובת הלבבות מיינט צו קלאָרשטעלן אַז אויך די זעקסטע תועלת, איז אַ גוואַלדיגע מעלה לגבי די פרנסה פון דעם מענטש, ווי ער שרייבט דאָס לשון: "**שבעל הכימיה אינו בטוח מהחליים והמדוים, שמערבבין עליו שמחתו בעשרו, ואינם מניחין אותו ליהנות ממה שיש לו ולא להתענג במה שהשיגה ידו**" - ער קען נישט הנאה האָבן פון זיין געלט און פון זיין עשירות, ווייל ער איז פאַרנומען מיט אַנדערע שוועריגקייטן פון קרענק און מחלות חלילה.

דאָס הייסט אַזוי: מענטשן אויף דער וועלט ווילן זייער שטאַרק האָבן אַסאַך געלט, אַ שיינע רחבות'דיגע הויז, מיט אַלע גשמיות'דיגע השגות. אָבער פאַרוואָס? וואָס וועט דיך די געלט העלפן? וואָס וועט דיך די גוטע פרנסה העלפן? וואָס וועט דיך די ריזיגע דירה העלפן?

דער תירוץ דערויף איז אַז **מענטשן ווילן דערפון באַקומען דעם קומענדיגן שטאַפּל וואָס דאָס איז: 'הנאה' מיט 'תענוג'**. דער מענטש וויל אַז דאָס געלט זאָל אים ברענגען צום תכלית אַז זיין נפש זאל האָבן אַ תענוג! ער האָפט אַז נאָכדעם וואָס ער וועט האָבן אַ גוטע פרנסה וועט ער דורכדעם קענען באַקומען אַ געשמאַקע געפיל פון עונג און שמחת החיים.

## די 'תענוג' פון געלט קען מען זיך נישט אַליינס נעמען

אָט דער שטאַפּל פון 'תענוג' ווערט אָנגערופן אַ 'תוצאה', ס'איז אַ רעזולטאַט וואָס מען וויל באַקומען פון דער השתדלות וואָס מען מאַכט! און מיר האָבן דאָך שוין געלערנט אין די פריערדיגע שיעורים אַז אַ מענטש דאָ אויף דער וועלט קען נישט ברענגען קיין שום תוצאות אין זיין לעבן!

דער רבוש"ע האָט נישט געגעבן פאַר'ן 'נברא' די מעגליכקייט אַז ער זאָל קענען ברענגען תוצאות פון זאַכן. **דער מענטש קען בסך הכל טון השתדלות**, ווייל דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט אַ סדר אין דער טבע אַז מ'זאָל אַרבעטן און טון פעולות, **אָבער ער האָט נישט אַריינגעלייגט אין דער טבע אַ מציאות אַז דער מענטש זאָל קענען ברענגען דעם לעצטן שטאַפּל פון תוצאות און באַקומען אַ תענוג!** ס'איז פשוט נישט שייך במציאות אַז אַ מענטש זאָל זיך דאָס קענען אַליינס נעמען!

## געלט אַליין קען נישט ברענגען קיין שום הנאה

לויט דעם יסוד קומט אונז דער חובת הלבבות דאָ פאַרציילן איבער נאָך אַ חסרון וואָס איז דאָ ביי יעדע סאָרט אַרבעט, אפילו ביי די בעסטע פרנסה וואָס איז נאָר פאַרהאַן.

דער חובת הלבבות שמועסט אויס אַז אויסערדעם וואָס דו קענסט נישט מאַכן די 'תוצאה' אַז דו זאָלסט פאַרדינען געלט, ווייל דער חלק ליגט נישט אין דיינע הענט. אָבער ס'גייט נאָך ווייטער דערפון, אפילו נאָכדעם וואָס דער אויבערשטער האָט יאָ געוואָלט אַז דו זאָלסט אָנקומען צו דעם שטאַפּל פון פאַרדינען געלט. האסט שוין באַקומען מיליאָנען, **וועט דאָס געלט דיך קיינמאָל נישט קענען ברענגען צום שטאַפּל פון 'הנאה' און 'תענוג'** וואו דו האסט געוואָלט אָנקומען!

## אַ האַרץ אַטאַקע וואָס געדויערט אַ סעקונדע ל"ע נעמט אַוועק די גאַנצע תענוג

זאָגט דער חובת הלבבות: דו קענסט נישט באַקומען דעם תענוג, **אפילו אויב דו גייסט מאַכן דאָס בעסטע השתדלות!** ווייל דאָס באַלאַנגט שוין צו דעם חלק פון 'תוצאות' און דאָס קען נאר דעם אויבערשטער געבן!

און דער מחבר ברענגט דערויף אַ ביישפיל פון אַ געזונטהייט פּראָבלעם, אַז אַפילו ווען אַ מענטש האָט שוין אַ גוטע פרנסה און ער האָט שוין אפילו פאַרדינט אַסאַך געלט, דאַן גרייט ער זיך אָן אַ געשמאַקע סעודה צום עסן ווייל ער וויל שוין ענדליך באַקומען די תענוג פון זיין פרנסה, אָבער אויב כאַפּט ער חלילה אַ האַרץ אַטאַקע אין איין סעקונדע קען ער שוין נישט גאָרנישט הנאה האָבן פון דאָס גאַנצע געלט!

דאָס באַדייט אַז **די הנאה ליגט בכלל נישט אין די האַנט פון דעם מענטש!** די גאַנצע השתדלות וואָס ער מאַכט איז וויבאַלד ער וויל אָנקומען צו אַ געוויסע תוצאה, ער וויל קענען הנאה האָבן פון זיין געלט. דאָס איז בעצם די גאַנצע סיבה פאַרוואָס מענטשן ווילן האָבן געלט, **אָבער די תוצאה קענען מיר נישט באַקומען, אפילו אויב מ'האָט די בעסטע פרנסה וואָס איז נאָר פאַרהאַן!**

## אַ געזונטהייט פּראָבלעם איז אַ חסרון אין די עצם תכלית פון דאָס געלט

מיט דעם איז פאַרשטענדליך וואו ס'קומט דאָ אַריין די זעקסטע 'תועלת' פון קרענק, ווייל דאָס איז אויך אַ חסרון אין די 'עצם' פרנסה פון דעם מענטש וואָס האָט נישט קיין בטחון. די גאַנצע תכלית פאַרוואָס ער אַרבעט און פאַרוואָס ער וויל האָבן געלט איז דאָך צוליב די תוצאה פון תענוג וואָס דאָס גייט אים ברענגען, אָבער די תוצאה קען ער נישט באַקומען אויב ער ווערט קראַנק חלילה!

אַנדערש איז אָבער דער בעל בטחון; ער קען יאָ זוכה זיין צו אַלעמאָל באַקומען תענוג, שמחה און הנאה! **אפילו אויב ער האָט חלילה אַ מחלה, נעמט דאָס נישט אַוועק זיין הנאה**, ווייל ער איז דאך נאָענט צום אויבערשטן און ער ווייסט אַז די יסורים זענען אַ מתנה פאַר אים פון הימל! דער אמת'ער בעל בטחון האָט אַ לעבן פון תענוג אין יעדן מצב וואו ער געפינט זיך!



# מאן דיהיב חיי יהיב מזוני; 'פרנסה' איז פונקט ווי 'תחיית המתים', ס'האָט נישט קיין שייכות מיט'ן דרך הטבע

## דריי שליסלעך וואָס איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן פאַר קיין שליח

לאָמיר נאָכמער אויסברייטערן די נקודה:

די גמרא, גלייך אין אָנהויב **מסכת תענית** (דף ב, ע"א) ברענגט די מימרא פון רבי יוחנן: "**שלשה מפתחות בידו של הקדוש ברוך הוא שלא נמסרו ביד שליח, ואלו הן מפתח של גשמים, מפתח של חיה, ומפתח של תחיית המתים**".

די מפרשים זענען מסביר אַז ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער אויסגעשטעלט אַז ס'זאָל זיין אַ סדר פון טבע, וואָס ווערט אָנגערופן 'שליח', און דורך דעם סדר ווערט די וועלט געפירט. אָבער **די דריי זאַכן זענען אַן אויסנאַם!** דאָס האָט דער רבוש"ע נישט איבערגעגעבן פאר קיין שליח, ער האָט עס נישט איבערגעלאָזט פאר די הנהגה פון טבע.

## 'גשמים', 'הולדה' און 'תחיית המתים' זענען אין די הענט פון השי"ת

די ערשטע זאַך איז 'מפתח של גשמים'. אַ מענטש קען טון אַלע סאָרט פעולות אָבער ס'וועט אים גאָרנישט העלפן. רעגן קומט בלויז ווען דער אויבערשטער וועט מאַכן אַז ס'זאָל רעגענען. די

זאַך פון גשמים אַרבעט נישט מיט קיין סדר פון טבע און מ'קען זיך ניטאַמאָל טועה זיין כאילו אונזער השתדלות העלפט עפּעס דערצו.

די צווייטע זאַך איז 'מפתח של חיה - הריון', ווי דער תוספות יום טוב איז מפרש, וואָס דאָס ליגט אויך בלויז אין די האַנט פון הקב"ה. מ'זאָל נישט געפּרואווט ווערן וויפיל מענטשן זען עס מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַז גאָרנישט קען נישט העלפן ביי דעם ענין פון קינדער, בלויז תפלה און נאָכאַמאָל מתפּלל זיין.

און די דריטע זאַך איז 'מפתח של תחיית המתים' וואָס איז אויך נישט איבערגעגעבן געוואָרן פאַר קיין שליח און עס וועט געשען בלויז 'בעת שיעלה רצון מעת הבורא יתברך שמו'.

די גמרא ברענגט דאָרט פּסוקים אויף די אַלע דריי זאַכן, פון וואו מ'זעט אַז ווען ס'קומט צו די ענינים פון גשמים, הולדה און תחיית המתים, איז נישטאָ קיין סדר פון דרך הטבע, **ס'ליגט נישט אין די הענט פונעם מענטש!** דער רבוש"ע האָט נישט געמאַכט קיין שליח אויף די דריי זאַכן ווייל ער האָט געוואָלט אַז מ'זאָל גלייך רעדן צו אים דערוועגן. ס'איז אויסשליסליך בידיו של הקב"ה!

### פּרנסה איז אויך אַריינגערעכנט אין די דריי שליסלעך

און די גמרא פירט דאָרט אויס: "**במערבא אמרי**" - אין ארץ ישראל האָט מען געזאָגט, "**אף מפתח של פּרנסה, דכתיב פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון**", די שליסל פון פּרנסה איז אויך פון די זאַכן וואָס איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן פאַר קיין טבע און עס ווערט געפירט בלויז דורך השי"ת אַליין.

פרעגט די גמרא: "**ורבי יוחנן מאי טעמא לא קא חשיב להא?**" - פאַרוואָס האָט רבי יוחנן נישט אויסגערעכנט די שליסל פון פּרנסה? ענטפערט די גמרא: "**אמר לך, גשמים היינו פּרנסה**". רבי יוחנן האַלט אויך אַז דער שליסל פון פּרנסה ליגט בלויז ביים אויבערשטן, אָבער ער האָט דאָס שוין דערמאַנט ווען ער האָט אויסגערעכנט דעם "מפתח של גשמים", ווייל דאָס מיינט ביידע די זעלבע זאַך!

קיינער פון די אמוראים דינגען זיך נישט מיט דעם כלל אַז די "מפתח של פּרנסה" ליגט ביים אויבערשטן, די שאלה איז נאָר צי מ'זאָל עס רעכענען באַזונדער צי מ'זאָל עס רעכענען צוזאַמען מיט "מפתח של גשמים". **אָבער דאָס איז זיכער אַז פּרנסה האָט נישט קיין שייכות מיט קיין שליח און מיט קיין טבע!**

### יעדע זאַך וואָס ברענגט אַראָפּ פרישע 'חיות' איז ביד ה'

אַז מען קוקט אַריין אין דער גמרא זעט מען אַ פלא'דיגע זאַך, אַז די אַלע זאַכן וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט זענען ענינים וואָס עס דאַרף דערביי אַראָפּקומען אַ נייע חיות אויף דער וועלט; ביי דער 'מפתח של תחיית המתים' קומט אַראָפּ אַ חיות וואָס איז שוין געווען אַמאָל. ביי דער 'מפתח של חיה' קומט אַראָפּ אַ נייע חיות פון אַ נשמה, און

# וואָס האָט ער דערפון אַז ס'ליגט געלט אין זיין באַנק אַקאַונט?! ער האָט דאָך נישט באַקומען קיין חיות!

ביי דער 'מפתח של גשמים' קומט אַראָפּ אַ פרישע חיות פאַר דער בריאה, ווייל דורך רעגן קען מען לעבן.

די אַלע זאַכן איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן פאַר קיין שליח און פאַר קיין דרך הטבע. דאָס געפינט זיך בלויז אין די האַנט פון השי"ת אַליין. מ'קען זיך אפילו נישט איינרעדן אַז די מענטשליכע השתדלות קען עפּעס העלפן דערצו.

### די תכלית פון פּרנסה איז אויך צו ברענגען 'חיות' פאַר'ן מענטש

חכמינו ז"ל לייגן צו אַן הוספה, אַז **אויך די שליסל פון פּרנסה איז אַזוי ווי 'גשמים' מיט 'תחיית המתים'**, ווייל דאָס איז אויך אַ זאַך וואָס ברענגט 'חיות' פאַר'ן מענטש. ווען ער פאַרדינט שיין געלט קען ער דערנאָך האָבן חיות מיט תענוג און דאָס איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן פאַר קיין שליח! דער מענטש קען נישט ברענגען קיין שום תוצאות דערביי!

מיט דעם יסוד האָבן צדיקים געטייטשט די מימרא "**מאן דיהיב חיי יהיב מזוני**", אַז פּונקט ווי מען פאַרשטייט אַז דער שליסל פון 'נשמות' ליגט ביים אויבערשטן, יעדער ווייסט קלאָר אָן קיין שום ספק אַז דאָס איז אַ געטליכע זאַך וואָס מיר קענען דערצו גאָרנישט טון בידים, דאָס זעלבע דאַרפן מיר וויסן און געדענקן אַז **אויך דער שליסל פון 'פּרנסה' ליגט פולקאָם ביי אים אין דער האַנט!** דער אויבערשטער האָט טאַקע געמאַכט אַז מען זאָל דאַרפן טון השתדלות בדרך הטבע אָבער דאָס אַלעס קען נישט ברענגען קיין שום תוצאה!

### 'מכלכל חיים בחסד' גייט צוזאַמען מיט 'מחיה מתים ברחמים'

עס שטייט אין '**טור**' (אורח חיים סימן קיד) אַז דאָס איז טאַקע דער טעם פאַרוואָס אין דער ברכה פון "אתה גבור" דערמאַנט מען "מכלכל חיים בחסד", צוזאַמען מיט "תחיית המתים" און "גבורת גשמים", ווייל דאָס איז די זעלבע זאַך. **פּרנסה איז גאָרנישט אַנדערש פון תחיית המתים!** ביי ביידע זאַכן קומט אַראָפּ אַ נייע חיות אויף דער וועלט און דערפאַר איז דאָס בלויז אין די הענט פון השי"ת.

איי, מען זעט דאָך אַז מענטשן זענען עוסק אין פּרנסה און זיי מאַכן אפילו געלט? דאָס איז אַלעס נישט דער תכלית פון זייער השתדלות, די ענד-ציל פון אַ מענטש איז צו באַקומען 'תענוג' און 'הנאה' פון דעם געלט, די תכלית פון עשירות איז צו האָבן אַ 'שמחת החיים', און אָט די תענוג און הנאה ליגט למעשה אויסשליסליך בידיו של הקב"ה!

אויב דער עושר דרייט זיך ווייטער אַרום מיט עגמת נפש אָן קיין רואיגקייט, וואָס האָט ער דערפון אַז ס'ליגט געלט אין זיין באַנק אַקאַונט?! ער האָט דאָך נישט באַקומען קיין חיות!

דער מענטש האָט אַזוי שווער געאַרבעט צו פאַרדינען געלט ווייל ער האָט געמיינט אַז נאָכדעם וואָס ער וועט האָבן שיין פּרנסה וועט דאָס אים ברענגען 'תענוג', **אָבער ער האָט נישט געוואוסט אַז די שליסל פון 'באַקומען תענוג' באַלאַנגט נישט פאַר'ן מענטש!** דאָס איז אַזויווי תחיית המתים וואָס ליגט ביים אויבערשטן אין דער האַנט!

### די חיות פאַר'ן נפש קומט פון השי"ת אַליין

אַ דוגמא צו בעסער פאַרשטיין די זאַך: אַ איד גייט אין גאַס אינגאַנצן צעטראָגן און צעבראָכן צוליב פאַרשידענע דאגות, ווען פּלוצלינג שטעלט אים אָפּ איינער וואָס גיט אים אַ געוואַלדיגע גריס פון זיין זון וואָס לערנט מורא'דיג פלייסיג אין ישיבה. אַצינד האָט דער איד ממש אויפגעלעבט און ער באַדאַנקט זיך "אַ יישר כח פאר דער גוטער בשורה".

דאָ איז יעצט געשען אַ 'תחיית המתים'! דער מענטש האָט באַקומען אַ שטיק חיות! ווער האָט אים געגעבן די חיות?! **ס'איז דאך געווען הונדערט פּראָצענט באַשערט פון דעם אויבערשטן אַליין!** יענער איז בלויז געווען דער צינור צו ברענגען דעם גריס אָבער ווען נישט אים וואָלט דער אויבערשטער געקענט מאַכן הונדערט אַנדערע וועגן אַז ס'זאָל אָנקומען. ווידעראום אויב ס'וואָלט נישט געווען באַשערט וואָלט ער אים פּונקט נישט געטראָפן און ער וואָלט קיינמאָל נישט צוריקגעהערט דעם גריס.

דאָס איז אַ משל וואָס קומט אונז ווייזן אַז **די אמת'ע פּרנסה איז ווען אונזער נפש באַקומט אַ חיות. דאָס האָט נישט קיין שייכות מיט געלט, דאָס איז אַ רוחניות'דיגע זאַך!**

אָט די הנאה קען אַ מענטש זיך נישט אַליין ברענגען, נאר דער אויבערשטער קען אונז געבן דעם חיות, פּונקט ווי ער האָט דעם שליסל פאר 'תחיית המתים' און 'הולדה', ווייל **דאָס איז אַלעס אין דעם זעלבן כלל פון ברענגען פרישע חיות אויף דער וועלט.** די אַלע ענינים פון חיות באַלאַנגט נאר צום רבוש"ע אָן קיין שום מעגליכקייט פאַר'ן מענטש דאָס צו דערגרייכן מיט זיינע אייגענע כוחות.

# אור החיים הק'

## ואביא אתכם אלי;

דער רבוש"ע וועט טון אַלעס אַז אידן זאָלן צוריקקומען צו אים

ערב שב"ק יתרו, כ"ג שבט תשפ"א

א

# אם יהי' נדחך בקצה השמים משם יקבצך; השי"ת איז זיך קיינמאָל נישט מייאש פון קיין שום איד

### וואָס איז די כוונה פון 'ואביא אתכם אלי'

ווען עס קומט צו לערנען די הייליגע ווערטער פון דעם **אור החיים הק'** אין פרשת יתרו איז דאך הפלא ופלא יעדעס שטיקל באַזונדער. מען דאַרף דאָס אַזויפיל חזר'ן כדי צו זיין אַן ערליכער איד.

בשעת דער אויבערשטער האָט צוגעגרייט אידישע קינדער, איידער זיי גייען מקבל זיין די תורה, האָט ער געהייסן פאַר משה רבינו זאל זייער וויכטיג איבערגעבן פאַר אידן דעם פסוק: "**אַתֶּם רְאִיתֶם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרָיִם וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי**".

דער אור החיים הק' איז מפרש די ווערטער "ואביא אתכם אלי" אויף עטליכע אופנים, צו ערקלערן וואָס דער רבוש"ע האָט דאָ געוואָלט אַרויסברענגען פאַר אידן ווען ער האָט זיי געשיקט זאָגן אַז: "איך האָב אייך געברענגט צו מיר".

### ביי יציאת מצרים האָט דער גרויסער זיך געבעטן צום קליינעם

די ערשטע פשט, זאָגט דער אור החיים הק': דאָ ביי מתן תורה איז געווען אַנדערש ווי געווענליך. דער נאָרמאַלער סדר איז, אַז ווען איינער וויל זיך דערנענטערן צום אויבערשטן, דאַרף ער אָנהויבן פון זיין זייט, מיט אן 'אתערותא דלתתא'. דער מענטש דאַרף טון עפּעס כדי צו ווערן נאָענט צו השי"ת. ווייל אַזוי איז דאך ריכטיג, אַז דער גרויסער גייט נישט צום קליינעם, נאר דער קליינער דאַרף זיך בעטן ביים גרויסן אַז ער וויל נאָענטער ווערן מיט אים. נאָכדערצו ווען דער קליינער איז אַ פאָלק פון קנעכט.

אָבער דאָ, ביי יציאת מצרים, זאָגט דער אויבערשטער אַז ער האָט נישט אַזוי געטון, נאר **כאָטש וואָס אידן זענען געווען אַזוי דערווייטערט אָן קיין שום התעוררות, אף על פי כן האָב איך אייך געברענגט צו מיר!** איך האָב געטון אַלע פּעולות אַז איר זאָלט קומען נענטער צו מיר!

### השי"ת שלעפּט אונז צוריק אפילו ווען מיר זענען דורכגעפאַלן

די צווייטע פשט, זאָגט דער אור החיים הק', אַ געוואַלדיגע יסוד' וואָס ס'איז זייער וויכטיג דאָס צו געדענקן אַלעמאָל:

"**עוד ירצה לומר, שאחר שהוציאם ממצרים, היו חוזרים מאחרי השכינה, כמו שמצינו להם שהמרו אמרי א-ל בים סוף במן, ובשליו וכדומה**" - אין די ווערטער פון 'ואביא אתכם אלי' ליגט נאָך אַ כוונה, אַז נאָכדעם וואָס דער אויבערשטער האָט שוין געטון אַזויפיל גוטס פאַר אידישע קינדער, ער האָט זיי שוין אַרויסגענומען פון מצרים און אידן וואָלטן געדאַרפט האָבן אַזאַ שטאַרקע הכרת הטוב צו אים, זענען אָבער אידישע קינדער דורכגעפאַלן. זיי האָבן געטון וואָס מ'דאַרף נישט, זיי האָבן גערעדט וואָס מ'דאַרף נישט, זיי האָבן געטראַכט וואָס מ'דאַרף נישט, און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען פון דער שכינה.

אַזוי זאָגט דער פסוק אין תהלים (ק"ז): "**אֲבוֹתֵינוּ בְמִצְרַיִם לֹא הִשְׂכִּילוּ נִפְלְאוֹתֶיךָ לֹא זָכְרוּ אֶת רֹב חֲסָדֶיךָ וַיַּמְרוּ עַל יָם בְּיַם סוּף**". דער רבוש"ע האָט זיי אויסגעלייזט אָבער זיי האָבן אַלס געהאַט טענות, צוערשט ביים ים סוף, דערנאָך ביים 'מן', ביי די 'שלו', א.א.וו. אַלעמאָל האָבן זיי גערעדט אַן אויסשפּראַך פון טענות, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַזוי און פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט געטון אַזוי, מי יתן מותינו ביד ה' בארץ מצרים, א.א.וו.

אָבער' זאָגט דער אור החיים הק': "**אף על פי כן היה ה' מושכם אליו בכל עת שהיו חוזרים לאחוריהם ומביאן ומקרבן אליו יתברך.**" - טראָץ דעם אַלעם האָט דער אויבערשטער צוריקגעשלעפּט אידישע קינדער יעדעס מאָל וואָס זיי זענען געפאַלן. דער רבוש"ע האָט מקרב געווען אידן נאָכאַנאַנד, יעדעס מאָל וואָס זיי האָבן זיך אַוועקגעקערט פון אים! איינמאָל און נאָכאַמאָל האָט ער זיי צוריקגעברענגט צו אים.

### השי"ת וועט קיינמאָל נישט ממאס זיין אידישע קינדער

אַזאַ וואַרימע שטיקל אור החיים הק' איז וויכטיג צו געדענקן!

דער אויבערשטער זאָגט פאַר אידישע קינדער: "איך ווייס אַז איר האָט יצר הרע'ס! איך ווייס אַז איר האָט דורכפעלער! **אָבער כ'וויל אייך עפּעס אויסזאָגן: יעדעס מאָל נאָכדעם וואָס אַ איד וועט חלילה דורכפאַלן מיט אן עבירה, וועל איך טון אַלע השתדלות אייך צוריקצוברענגען צו מיר!** עס וועט קיינמאָל נישט ווערן אָפּגעשוואַכט די אהבה אויף אַן אופן וואָס דער אויבערשטער זאל חלילה ממאס זיין אידישע קינדער! ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך!".

אַזוי זאָגט דער פסוק אין פּרשת נצבים: "**אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה' אלקיך ומשם יקחך**", ווי ווייט אַ איד זאל נאר נישט זיין, אפילו בקצה השמים, וועט דער רבוש"ע אים צוריקשלעפּן פון דאָרט! דער אויבערשטער וויל אים האָבן בכל אופן!

ס'איז דאָ אַסאַך מאָל אין אונזער דור, ווען מ'זעט אַז אַ בחור'ל אָדער אן אינגערמאַן איז ליידער זייער שטאַרק אַראָפּגעפאַלן, ער איז אַזוי ווייט, גייט אונז דורך אַ מחשבה: "הער זיך איין, יענער איז שוין אַזוי ווייט געגאַנגען, יעצט דאַרף מען שוין מקיים זיין 'אוהבי ה' שנאו רע' און מ'דאַרף יענעם ממאס זיין, ער איז דאך אַזוי נידריג געפאַלן".

אָבער ביים רבוש"ע, כביכול, איז יענער נישט נידריג! **ביים אויבערשטן איז דער איד נאָך אַלס חביב אַזויווי אַ בן יחיד!** אפילו בשעת מעשה, ווען יענער איז עוסק אין ביטערע געפערליכע זאַכן, דרייט דער אויבערשטער אַ וועלט אים צוריקצוברענגען, ווייל דער רבוש"ע האָט אים נאָך ליב. **כי לא ידח ממנו נדח!**

### דאָס איז די הקדמה צו קבלת התורה

דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז אידן זאלן

### ◂ אותיות מחכימות ▸

אור החיים הק' פרשת יתרו יט, ד

ואביא אתכם אלי. ירצה כי לא קדם הקרבתם אל ה', כמשפט כל הקרב הקרב למשכן ה' שיקדים הוא לעורר חיבתו, כידוע שאין אלוקי עולם מקדים לקרב עד שיעורר המתקרב את האהבה, וכן הוא מהמוסר, כי ההדיוטות והקלים הם המשתדלים להתקרב לגדולים ונכבדים מהם, ומכל שכן עם עבד מושלים, ואף על פי כן אמר ה' כי לא כן עשה, אלא הגם שהיו גוי מקרב גוי ערום ועריה בלא שום התעוררות, אף על פי כן אני הבאתי אתכם אלי ולא אתם התקרבתם אלי .

עוד ירצה לומר, שאחר שהוציאם ממצרים, היו חוזרים מאחרי השכינה, כמו שמצינו להם שהמרו אמרי א-ל בים סוף במן, ובשליו וכדומה, אף על פי כן היה ה' מושכם אליו בכל עת שהיו חוזרים לאחוריהם ומביאן ומקרבן אליו יתברך.

גוט וויסן אָט דעם סוד, נאָך בעפאָר זיי גייען מקבל זיין די תורה.

השי"ת האָט געשיקט משה רבינו איבערגעבן פאַר אידן, איך וויל אייך עפּעס זאָגן: אין דער תורה איז דאָ אַסאַך לא תעשה'ס, ס'איז דאָ אַסאַך איסורים וואָס אויב מען איז דאָס עובר איז דאָ דערויף עונשים פון 'כרת'. ס'איז דאָ אַסאַך געפערליכע עבירות וואָס מ'קען חלילה ליידן דערפאַר אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט. די אַלע עונשים פון דער תורה זענען אמת לאמיתו!

אָבער איידער מען גייט מקבל זיין די תורה, וויל איך אייך פאַרציילן אַז **ווי ווייט איר זאָלט נישט זיין, זאָלט איר אייביג וויסן אַז "ואביא אתכם אלי"!** איך גיי טון אַלעס אייך צוריקצוברענגען! ווייל די סיבה וואָס איך גיב אייך די תורה איז 'מתוך אהבה'! די סיבה פאַרוואָס איך גיב אייך די תורה איז ווייל איר זענט ביי מיר אַ 'סגולה מכל העמים', און **די אהבה גייט זיך קיינמאָל נישט ענדיגן!** עס גייט זיך פּשוט נישט ענדיגן!

דער אויבערשטער זאָגט פאר משה רבינו אַז ער זאָל איבערזאָגן די ווערטער פּונקטליך מיט דעם לשון: "אלה הדברים - לא פחות ולא יותר". לייג גאָרנישט צו און נעם גאָרנישט אַראָפּ, ווייל ס'איז זייער וויכטיג אַז אידן זאָלן דאָס וויסן איידער קבלת התורה!

## ב

# ה' אלקיו עמו; השי"ת וועט טון אַלעס צו מקרב זיין זיינע באַליבטע אידן

### אפילו מכעיסין וממרים לפניו, אינו זז מתוכן

אָט דער יסוד שטייט אַזויפיל מאָל אין דער תורה הק'. אויך אין פּרשת בלק, ווען בלעם הרשע האָט זוכה צו געווען צו אַ געוויסע השראת השכינה און צו אַ נבואה, לויט זיין מדריגה, וואָס האָט ער געזען? ער האָט געזען דעם פּסוק: **"לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל, ה' אלקיו עמו ותרועת מלך בו"**.

רש"י טייטשט דעם פּסוק: **"ה' אלוקיו עמו - אפילו מכעיסין וממרים לפניו, אינו זז מתוכן"**. דער אויבערשטער בלייבט אַלעמאָל מיט אידישע קינדער, ער רירט זיך נישט אַוועק פון זיי! אַזאַ אהבה האָט ער צו אידישע קינדער! ווען מען קוקט אַריין טיף זעט מען דאָס,

ווען מען דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט אויבערפלעכליך קען זיך אפשר דוכטן אַנדערש, ווייל די גרויסע אהבה פון השי"ת צו אידן איז העכער אונזערע השגות, אָבער אויב מען איז זיך מתבונן זעט מען אַז דאָס איז דער אמת! און דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז מיר אַלעמאָל וויסן און לעבן מיט דער ידיעה!

### השוכן אתם בתוך טומאותם

אַלעמאָל, אין אַלע דורות האָבן גוים זיך גערייצט מיט אידן: "ענק פירן זיך נישט ווי עס דאַרף צו זיין דעריבער האָט אייך אייער באַשעפער איבערגעלאָזט".

די גמרא פאַרציילט אין מסכת יומא (נו, ב): אַ מין האָט געזאָגט פאַר רבי חנינא: **"טמאין אתון, דכתיב טומאתה בשוליה"** - איר זענט טמא'נע מענטשן אין גלות, קוק וואָס ס'שטייט אין איכה אויף אייך 'טומאתה בשוליה', איר זענט אָפּגעזונדערט און טמא.

אָבער רבי חנינא האָט אים צוריקגעענטפערט: "**תא חזי, מה כתיב בהו, השוכן אתם בתוך טומאותם, אפילו בזמן שהן טמאין - שכינה שרויה ביניהן** ". - אפילו אויב אידן זענען חלילה טמא איז פאַרהאַן אַ טיפע אהבה וואָס דער אויבערשטער ריקט זיך נישט אַוועק פון זיי! דער רבוש"ע וועט טון אַלעס צוריקצוברענגען דעם מענטש צו אים! אודאי איז יעדע עבירה אַ געפערליכע זאַך און ס'איז גורם כביכול אַ מורא'דיגע צער פאר די שכינה הק', אָבער די אהבה איז נאָך טיפער!

### תשובה געטון נאָכ'ן זיך אויסגליטשן מיט'ן טריפה'נעם סענדוויטש

מ'האָט שוין פאַרציילט עטליכע מאָל וואָס כ'האָב געהערט פון אַ איד וואָס איז דאָרט געשטאַנען בשעת מעשה. דער איד אַרבעט אין אַ פּלאַץ וואו מען איז מחזק בחורים וואָס זענען ליידער זייער ווייט פאַרקראָכן.

אַמאָל איז ער געגאַנגען מיט אַ קבוצה בחורים, וואָס זענען נעבעך געווען גאָר שטאַרק פאַרגליטשט פון אידישקייט. צווישן זיי איז געווען איין בחור וואָס איז שוין געווען נאָך אַ טריט שוואַכער פון די איבריגע גרופּע.

זיי זענען געפאָרן אונטערוועגנס, און מ'איז דורכגעגאַנגען אַ גוי'אישע געשעפט, איז דער בחור געגאַנגען בריש גלי און זיך געקויפט אַ גרויסן טריפה'נעם סענדוויטש רח"ל. רוב פון די בחורים דאָרט האָבן נישט געגעסן קיין טריפות, אפילו זיי האָבן געקענט נכשל ווערן מיט אַנדערע געפערליכע זאַכן אָבער טריפות האָבן זיי נישט געגעסן. אַלע האָבן געקוקט אויף אים, אפילו פאר די בחורים אַליין איז דאָס נישט געווען אַזוי באַ'טעמ'ט, אָבער זיי האָבן אים גאָרנישט געזאָגט.

נאָכ'ן איינקויפן, אַרויסגייענדיג פון דעם געשעפט, ביים שוועל פון דער טיר, האָט דער בחור זיך געגעבן אַ שטאַרקן גליטש אויס אויף דער ערד, און דאס גאַנצע סענדוויטש איז אַראָפּגעפאַלן און שמוציג געוואָרן. ס'איז קאַליע געוואָרן און מען האָט דאָס שוין נישט געקענט מער עסן.

דער בחור איז געווען אַ פעסט - געבויעטער בחור, מיט אַ שטאַרקן גוף. ער איז בכלל נישט געווען דער סאָרט שלימזל וואָס גליטשט זיך אויס. געווענליך ווען אַזאַ זאַך פּאַסירט ברבים, ווען אַלע חברים שטייען אַרום און קוקן, ווערט מען פאַרשעמט און מען פּרובירט צו פאַרווישן די מעשה, אָבער דער בחור האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעקוקט צום הימל און געזאָגט: "באַשעפער, בסדר! איך האָב פאַרשטאַנען! איך וועל מער נישט עסן קיין טריפות!".

זייט דעמאָלט האָט דער בחור זיך צוריקגעכאַפּט צוביסלעך. היינט צוטאָגס האָט ער שוין ב"ה חתונה און אויפגעשטעלט אַ אידישע שטוב!

דאָס איז טייטש אַז דער רבוש"ע גיט זיך אָפּ מיט יעדן איינציגן איד - "ואביא אתכם אלי"! נישט קיין חילוק וואו דו געפינסט זיך וועל איך דיך צוריקברענגען!

מ'דאַרף וויסן אַז דער אויבערשטער כאַפּט נישט אַזאַ 'שאָק' ווען אַ איד איז חלילה דורכגעפאַלן. ווען מיר זען חלילה ווי אַ מענטש טוט עבירה כאַפּן מיר אַ געוואַלדיגע שאָק, ווי קען זיין אַזאַ זאַך? מיר ווייסן נישט וואָס צו שפּירן יעצט, מיר ווערן אַזוי צעבראָכן אַז ס'קען פּאַסירן אַזאַנס. אַ אידיש האַרץ קען נישט צוקוקן קיין עבירה דעריבער ווערן מיר אויסער זיך און מיר ווייסן נישט וויאַזוי צו טראַכטן דערוועגן.

אָבער דער רבוש"ע איז נישט אַזויוי אונז! ער ווייסט דאָך אַלעס, אויך דעם עבר און אויך דעם עתיד. **אודאי איז דער צער השכינה געפערליך, אָבער דאָס נעמט נישט אַוועק די טיפע אהבה פון "ואביא אתכם אלי"**. ער וועט אַלעמאָל צוריקברענגען זיינע באַליבטע קינדער צו זיך!

### דער האַרבער 'רבי עקיבא איגר' האָט אים צוריקגעברענגט...

עס האָט דערציילט אַ איד, וואָס האָט אַ ישיבה פאר בחורים וואָס מוטשען זיך מיט אידישקייט. דער ראש ישיבה זאָגט: "איך מוז אייך פאַרציילן וויאַזוי דער רבוש"ע פירט אַלע מהלכים, כדי צוריקצוברענגען אַ נשמה".

אין דער ישיבה איז איינגעשטעלט אַ סיסטעם אַז מ'לערנט אויך שיעורים אין גמרא, אויסער אַלע אַנדערע באַשעפטיגונגען. דער ראש ישיבה לערנט פאָר שיעורים בעיון, הגם ס'איז אַסאַך מאָל שווער צו פאָרלערנען פאר אַזעלכע בחורים וואָס דער מח איז זיי בכלל נישט דערביי.

מען האָט געהאַלטן אין מסכת סוכה דף כ"ה, ביי דער סוגיא פון "עוסק במצוה פטור מן המצוה". אין יענע סוגיא איז דאָ אַ טיפער שטיקל 'רבי עקיבא איגר' וואָס מ'דאַרף דאָס גוט אָפּלערנען. ווען דער ראש ישיבה האָט זיך צוגעגרייט צום שיעור האָט ער געטראַכט, וויאַזוי קען מען מאַכן אַז די בחורים זאלן וועלן מיטהאַלטן דעם רבי עקיבא איגר מיט אַ געשמאַק? וויאַזוי קען מען דאָס מאַכן אַרבעטן?

איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַז ביים שיעור גייט ער זאָגן פאר די בחורים אַז ער פאַרשטייט נישט דעם רבי עקיבא איגר און ער דאַרף האָבן זייער הילף... ער וועט זיי זאָגן: "איך קען נישט כאַפּן דעם רבי עקיבא איגר, ענק האָבן דאך גוטע קעפּ, העלפט מיר אַרויס"... אַזוי וועלן זיי האָפנטליך אַריינקומען אין דער סוגיא.

דאָרט אין ישיבה איז געווען אַ גאָר פּראָבלעמאַטישער בחור, וואָס ס'איז געווען אַזוי שווער צו אַרבעטן מיט אים אַז מען האָט אים שוין עטליכע מאָל געוואָלט פאַרשיקן אפילו פון יענע שוואַכע ישיבה, ווייל יעדע זאַך האָט דאָך אַ גבול. ס'האָט זיך פּשוט נאָכנישט געמאַכט דער טאָג וואָס די הנהלה זאל נעמען די מוט און דאָס טון למעשה. מען האָט אים שוין לאַנג געוואָלט אַרויסוואַרפן אָבער ס'איז טעכניש נאָכנישט געשען.

דער בחור פלעגט כמעט קיינמאָל נישט אַריינקומען צו די שיעורים. איינמאָל אין יעדע עטליכע וואָכן איז ער אַריינגעפאַלן צו אַ שיעור, אָבער נישט מער דערפון.

פונקט יענעם טאָג איז דער בחור יאָ אַריינגעקומען און זיך אַראָפּגעזעצט ביים שיעור. דער ראש ישיבה האָט אָנגעהויבן פאָרלערנען און ער זאָגט פאר די בחורים זיין צוגעגרייטן נוסח, אַז ער האָט דאָ זייער אַ שווערע רבי עקיבא איגר און ער בעט אַז זיי זאָלן אים העלפן דאָס פאַרשטיין.

איינער פון די בחורים האָט זיך אָנגערופן: "אויב דער מגי"ש לאָזט אונז רייכערן אינמיטן שיעור, וועלן מיר אים העלפן". דער ראש ישיבה האָט מסכים געווען: "בסדר גמור, איך לאָז ענק רייכערן, טוט וויאַזוי איר ווילט, אָבער איך דאַרף וויסן פשט אין דעם רבי עקיבא איגר".

די בחורים האָבן אנגעצינדן זייערע ציגאַרעטלעך און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערנסטע שקלא וטריא, מען האָט זיך פעסט מפלפל געווען אין דעם רבי עקיבא איגר און ס'איז געגאַנגען אן אש להבה... ענליך נאָכ'ן גוט דורכנעמען די סוגיא איז מען אַרויסגעקומען מיט אַ קלאָרן פשט אין רבי עקיבא איגר, עד להפליא.

דאָס איז די ערשטע חלק פון דער מעשה. ס'איז אָבער אויך דאָ אַ צווייטע חלק צו דער מעשה:

דער טאַטע פון דעם בחור, האָט דאָך שוין מיטגעמאַכט אַזויפיל עגמת נפש פון אים, ער האָט שוין באַקומען ווייסע האָר פון דער פרשה און איז שוין געווען אויסגעברענט פון דעם מצב וואו זיין בחור האַלט לײדער.

יענע וואָך שבת, ווען מען איז געזיצן ביי דער סעודה, האָט דער טאַטע געגעבן אַ פרעג פון דעם בחור: "נו, וואָס מען האָט געלערנט די וואך אין ישיבה?". באמת איז דאָס געווען בלויז אַ 'פליטת פה', ווייל ער האָט געוואוסט אַז פון זיין בחור פרעגט מען נישט אַזעלכע שאלות אינמיטן די סעודה, אויב מען וויל נישט האָבן קיין צעשטערטן שבת. אָבער ווען דער טאַטע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט דער שאלה האָט דער בחור, צו זיין איבערראַשונג, געענטפערט: "וואָס הייסט, מען האָט געלערנט דעם רבי עקיבא איגר פון עוסק במצוה פטור מן המצוה"...

> **בלויז נאָכדעם וואָס מען האָט די אמונה פון 'שירת הים' קען מען באַקומען די שפע פון 'פרשת המן'**

"אַזוי" וואונדערט זיך דער טאַטע, "וואָס זאָגט דער רבי עקיבא איגר?" און דער בחור הייבט אן איבערזאָגן די גאַנצע סוגיא מיט'ן רבי עקיבא איגר.

דער טאַטע איז אַ חשוב'ער איד, אַ תלמיד חכם, האָט ער זיך אָנגעהויבן דינגען: "נישט דאָס איז פשט אין רבי עקיבא איגר", אָבער דער בחור האָט זיך נישט געלאָזט. אַזוי איז געוואָרן אינמיטן די שבת'דיגע סעודה אַ תורה'דיגע קאָך, ווען טאַטע און זון זענען זיך מתווכח אין לערנען מיט אַ ברען, צו פאַרשטיין די ריכטיגע פשט אין רבי עקיבא איגר.

דאָרט אין דער זייט זיצט די מאַמע פון דאָס קינד און ווייסט נישט וואָס צו טון פאַר התרגשות. זי קוועלט פון אידיש נחת, וויאַזוי האָט פאַסירט אַזאַ זאַך אַז מיין מאַן מיט מיין בחור דינגען זיך אויף פשט אין אַ רבי עקיבא איגר מיט אַזאַ פייער?! אַ טרער פון גליק האָט זיך אַרויסגעגליטשט און דאַן איז געקומען נאָך איינס און נאָך איינס...

זונטאָג אינדערפרי האָט זי אָנגערופן דעם ראש ישיבה און געהאַט איין פראַגע: "וועלכער מלאך איז געווען די וואך אין ישיבה? וויאַזוי איז געשען אַזאַ טויש מיט מיין זון".

אָנגעהויבן פון יענעם שבת איז דער בחור געוואָרן אַ נייער מענטש. ער האָט זיך געשפּירט אַזוי גוט אַז ער האָט געלערנט מיט זיין טאַטן אַ רבי עקיבא איגר און זיין מאַמע הערט אים נישט אויף צו בענטשן און לויבן. ער איז צוריקגעקומען אין ישיבה פרעגנדיג: "אפשר מאַכט זיך נאָך אַ שווערע רבי עקיבא איגר דאָ?"... זינט דאַן האָט ער אָנגעהויבן שטייגן מעלה מעלה. די מעשה האָט פאַסירט עטליכע יאָר צוריק און היינט צוטאָגס איז ער אליינס אַ מגיד שיעור אין אַ ישיבה אין ירושלים!

### דער אויבערשטער לאָזט נישט אָפּ זיינע קינדער קיינמאָל

ווען דער ראש ישיבה האָט דערציילט די מעשה איז ער ממש אַרויס פון די כלים וויאַזוי דער אויבערשטער פירט דעם "ואביא אתכם אלי". דאָס האָט דאָך נישט קיין גבול. יעדן טאָג טוט דער רבוש"ע מסבב זיין זאַכן צו ברענגען אַז אידישע קינדער זאלן צוריקקומען צו אים, נישט קיין חילוק ווי ווייט זיי זענען שוין געגאַנגען.

אויך דער כלל וואָס חז"ל זאָגן: "אם רואה אדם יסורים באים עליו יפשפש במעשיו", וויפיל אהבה ליגט אין דעם! דער אויבערשטער איז נישט מעניש דעם מענטש, נאָר ער שיקט אים סימנים אַז דער מענטש זאל צוריקקומען! ער שיקט אים אַ סימן פון דאָ און אַן התעוררות פון דאָרט, פונקט זאָל ער טרעפן איינעם וואָס האָט אים איבערגעזאָגט אַ גוט וואָרט, פונקט האָט ער געהערט אַ רעיון וואָס גייט אים אַריינשיינען אַגאַנצן טאָג, אַזוי איז דער אויבערשטער כביכול פאַרנומען צו ברענגען אידישע קינדער צוריק צו אים!

ג

## מקבץ נדחי עמו ישראל; די 'אהבה שאינה תלויה בדבר' פון השי"ת צו אידישע קינדער

### השי"ת האָט געשיקט אַ שופר פאר די פאַרקראָכענע נשמה

פאָלגנד איז נאָך אַ מעשה וואָס עס האָט פאַרציילט דער בעל העובדא, אַ געשיכטע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט געציילטע יאָר צוריק אום ראש השנה:

דער איד האָט געהאַט אַ טאָכטער וואָס איז לײדער פאַרקראָכן זייער ווייט, עד כדי כך אַז אינמיטן ראש השנה איז זי נעלם געוואָרן פון שטוב ל"ע. די עלטערן האָבן פרובירט צו אָנגיין מיט'ן ראש השנה אָן אַרויסווייזן קיין צער, ווי ס'שטייט פון צדיקים אַז די שמחה און בטחון פון ראש השנה איז מבטל דינים.

דעם צווייטן טאָג ראש השנה נאָכמיטאָג, האָט דער טאַטע און די מאַמע זיך אַוועקגעזעצט זאָגן תהלים וואו זיי האָבן זיך אויסגעגאָסן זייער צעבראָכן האַרץ אַז דער רבוש"ע זאל שוין עפענען דאָס האַרץ פון זייער קינד און זי זאָל זיך אומקערן בתשובה שלימה.

יענעם מוצאי ראש השנה איז די טאָכטער טאַקע צוריקגעקומען אַהיים אָבער זי האָט צוערשט גאָרנישט גערעדט. הערשט צוויי טאָג שפּעטער, האָבן דאָס מיידל זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און זי האָט געזאָגט פאַר אירע עלטערן: "איך מוז אייך דערציילן עפּעס:

"דעם צווייטן טאָג ראש השנה, פינף אַזייגער נאָכמיטאָג, האָב איך זיך געטראָפן זיצן אין אַ קאַווע הויז, אַרומגענומען מיט אַנדערע שוואַכע עלעמענטן ל"ע. אָבער אינמיטן האָט איך אָנגעהויבן טראַכטן אַז ס'איז דאך היינט ראש השנה, הלואי ווען כ'קען ווען הערן יעצט 'תקיעת שופר'.

"עס גייט נישט אַריבער קיין עטליכע מינוט און איך זע פלוצלינג אַז עטליכע חבד'סקער בחורים דרייען זיך דאָרט אַרום און פרעגן אויב איינער איז דאָ אַ איד וואָס וויל הערן תקיעת שופר.

"איך האָב אַלעס איבערגעלאָזט און אָנגעהויבן לויפן צו זיי. די אַרומיגע האָבן פרובירט צו אָפּלאַכן אָבער מיין שטאַרקע רצון צו הערן תקיעת שופר האָט זיך געשטאַרקט איבער אלעם. איך בין צוגעגאַנגען צו די בחורים און געפרעגט אויב זיי ווילן מיך מוציא זיין מיט 'תקיעת שופר'. זיי האָבן מיך געפרעגט אויב כ'בין אַ איד (לײדער האָט מען דאָס נישט דערקענט אויסערליך), און ווען כ'האָב געענטפערט אַז יאָ האָבן זיי מיר געבלאָזן אַלע תקיעות. "

די טאָכטער האָט צוגעלייגט מיט אַן התעוררות: "איך האָב געזען קלאָר ווי דער אויבערשטער לאָזט מיך נישט אָפּ, ער ווארט איך זאָלט צוריקקומען צו אים, ער האָט מיך אפילו געשיקט אַ שופר אין דעם ווייטן פלאַץ וואו איך האָב זיך געפינען!".

די עלטערן האָבן געמאַכט אַ שנעלן חשבון און זיי האָבן זיך געכאַפּט אַז דאָס אַלעס האָט פאַסירט בשעת זיי זענען געזיצן אינדערהיים און זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ ביים תהלים'ל אַז זייער קינד זאָל זיך אומקערן בתשובה שלימה.

## ◆ אותיות מחכימות ◆

ספר העקרים מאמר שלישי, פרק לז

ובעבור שאהבת השי"ת אל ישראל יותר מכל אומה ולשון, נמשכת אל רצון האוהב בלבד בלי שום טעם, יכנה הכתוב אהבת השי"ת אל ישראל בשם חשק, כי שם חשק יאמר על הפלגת האהבה בלי טעם... כלומר אע"פ שהוא מוצא אחרת טוב ממנה, וכן אהבת השי"ת את ישראל היא כחשק בלי טעם.

ולזה הוא שקרא הכתוב את האהבה הזאת סגולה, אמר 'כי עם קדוש אתה לה' אלקיך בך בחר ה' אלקיך להיות לו לעם סגולה מכל העמים אשר על פני האדמה לא מרבכם מכל העמים חשק ה' בכם ויבחר בכם', וביאור זה.. כי האהבה הזאת ענין סגולה דבק באומה, **לא מצד הכמות**, כי לא מרבכם מכל העמים חשק ה' בכם, וגם לבאר שלא היתה מצד האיכות, אמר במקום אחר לא בצדקתך וביושר לבבך וגו' כי עם קשה עורף אתה, **אבל האהבה הזאת היא כחשק בלי טעם אלא ענין נמשך לרצון החושק בלבד.**

והוא שהבטיח עליה בשעת מתן תורה בשכר קבלתם התורה, אמר 'ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים'. כי כמו שמסגולת החושק כי המועט המושג אליו מחשוקו יותר נכבד וערב אצלו מהרבה מזולתו, כן השם יתברך מעט העבודה המגיע אליו מאומת ישראל, יותר נחשב אצלו מהרבה מאומה אחרת או מכל האומות, וזהו אמרו מכל העמים כי לי הארץ .

וכן נמצא ג"כ כי יפליג הכתוב באהבת השי"ת את ישראל כאב לבן מכל צד שאפשר שתהיה האהבה ביניהם... אמר הכתוב 'הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים' (ירמי' שם, יט), שנפשו קשורה באהבתו כאב בבן יקיר לו או כילד שעשועיו, עד שמדי דברי בו זכור אזכרנו עוד, כמו שמדרך האוהב שהוא מתענג בזכירת אהובו תמיד, ועל כן יחזור לזכור אותו כשמדבר בו, וגם לגודל חשיבותו בעיני ואהבתו אותו המו מעי לו ונכמרו רחמי עליו, כאדם המתפעל מצער בנו החביב לו, וזהו רחם ארחמנו נאם ה'.

ונתבאר בכל זה, כי אהבת השי"ת את ישראל היא אהבה יחסית כמלך את עבדיו, וכאב לבנים, וכבעל לאשה, ולהורות שאהבה זו ענין שכלי וקיים בלתי משתנה אמר הכתוב (ירמי' שם, ב) **ואהבת עולם אהבתיך**".

זינט דאַן איז די טאָכטער ב"ה צוריקגעקומען. זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט אַ אידישע שטוב, וואָס דאָס אַלעס האָט זיך אָנגעהויבן יענעם ראש השנה נאָכמיטאָג אין דעם פאַרשטויסענעם אָרט.

### דאָס ליבשאַפט פון השי"ת איז העכער פון אַלעם

די אהבה פון דעם רבוש"ע צו אידישע קינדער האָט באמת נישט קיין שיעור און קיין גבול. און דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן דאָס וויסן נאָך איידער מיר גייען הערן אַלע לאוין און אַלע עונשים פון דער תורה.

דער רבוש"ע האָט אונז געזאָגט: "**די חלק פון 'יראה' איז זייער וויכטיג און אמת, מ'דאַרף ציטערן פאַר אַן עבירה, אָבער זאָלט איר וויסן אַז די אהבה איז העכער פון אַלעם און איך וויל אייך אַלעמאָל צוריקברענגען צו מיר!**"

דאָס האָט אונז משה רבינו איבערגעגעבן אין די פּסוקים נאָך איידער קבלת התורה, כדי מיר זאָלן דאָס גוט וויסן און לעבן דערמיט!

### ואהבת עולם אהבתיך - למעלה מטעם ודעת!

גלייך נאָכ'ן פּסוק פון "ואביא אתכם אלי", שטייט ווייטער אין פּסוק: "**ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי, והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ**", זאָגט דער '**ספר העקרים**' אַז די טייטש פון 'סגולה' איז אַזאַ סאָרט אהבה וואָס איז העכער פון אַלע חשבונות, אַן אהבה וואָס האָט נישט קיין שום טעם און קיין שום סברה. אהבה שאינה תלוי' בדבר!

דאָס האָט דער רבוש"ע דאָ מבטיח געווען: "איר זאָלט וויסן אַז נאָכדעם וואָס איר גייט מקבל זיין די תורה גייט זיך קיינמאָל נישט ענדיגן מיין אהבה, **וואָס ס'זאָל נאר געשען וועל איך אייך אייביג צוריקברענגען צו מיר!**".

דער 'ספר העקרים' זאָגט דאָרט ווייטער אַז די אהבה פון דעם אויבערשטן צו יעדן אידיש קינד איז אַזויווי די ליבשאַפט פון אַ טאַטע צו זיין קליין קינד וואָס 'נפשו קשורה בנפשו', ווי דער פּסוק זאָגט "**הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים**", עד כדי כך אַז דער רבוש"ע האָט כביכול אַ תענוג פון אַלעמאָל זיך דערמאָנען פון אידישע קינדער!

דער 'ספר העקרים' ענדיגט צו אַז דער פּסוק איז מבטיח "ואהבת עולם אהבתיך", **אָט די אהבה גייט זיך קיינמאָל נישט ענדיגן. אין קיין איין דור קען דאָס נישט בטל ווערן**, נישט צוליב די עבירה און נישט צוליב יענע עבירה! **אפילו אויב אַ איד וועט חלילה דורכפאַלן הונדערט מאָל, אָבער די אהבה גייט זיך קיינמאָל נישט טוישן!** ואהבת עולם אהבתיך!

### דער רבוש"ע האָט זיך נישט מייאש געווען פון דיין שוואַכן קינד

וויפיל חיזוק ליגט דאָ פאר עלטערן וואָס זייערס אַ קינד איז ליידער שוואַך. צומאָל זענען די עלטערן אַזוי פאַרוויטאָגט אַז זיי זענען שוין ביים גרעניץ פון יאוש. **זאָלן זיי וויסן אַז דער רבוש"ע האָט זיך נאָכנישט מייאש געווען פון דאָס קינד!** דער אויבערשטער האָט אים נאָך אַלס ליב מיט די זעלבע אהבה ווי בעפאָר!

די אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט צו יעדע אידישע נשמה **בלייבט אַלעמאָל דאָס זעלבע**. און מיט אָט די אהבה איז דער אויבערשטער עוסק אַגאַנצע צייט וויאַזוי ער קען אים צוריקברענגען צו זיך!

### השי"ת איז כסדר מסבב סיבות אַז מיר זאָלן זיך צוריקקערן

אַז מען עפנט אַביסל די אויגן וועט מען זען אַז **דאָס איז שייך נישט בלויז ביי אַזעלכע פאַרלוירענע נשמות,** נאר ביי אונז אַליין איז עס אויך די זעלבע זאַך!

דער מענטש האָט זיך אונטערגענומען אַ פעסטע קבלה אבער ער איז שוין נאָכאַמאָל דורכגעפאַלן. ער טרעפט זיך נאָך אַ יאָר צייט וואָס ער האָט ניטאַמאָל געהאַט קיין הרהור תשובה, ער האָט זיך געוואַלגערט אין אַלע סאָרט עולם הזה'דיגע מצבים און ער האָט זיך נאָכגעלאָזט פון פאַרשידענע יסודות אין אידישקייט. **קוק אָבער גוט וועסטו זען אַז דער אויבערשטער כביכול פאַראַרבעט מעשים דיך צוריקצוברענגען!**

דאָ האָסטו זיך אויסגעגליטשט און זיך צעבראָכן די האַנט, דאָ האָט דיך איינער געגעבן אַ שטיקל טשעפּע וואָס איז געווען אַזוי אמת. **דער אויבערשטער האָט גערעדט צו דיר דורך יענע טשעפּע!** ער האָט דיך געוואָלט מעורר זיין זאָלסט זיך אויפוועקן און טוישן דיינע געוואוינהייטן!

אַלעמאָל, אַגאַנצע צייט איז דאָ די אהבה! ווען אַ איד פאַרשטייט דאָס, ווייסט ער ווי שטאַרק ס'איז כדאי זיך צוריקצוקערן צום אויבערשטן, ווייל **עס וואַרט אים אָפּ אַזויפיל נאָענטקייט, אַזויפיל גוטס און אַזויפיל לעכטיגקייט, ווען ער וועט צוריקקומען צו השי"ת!**

דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן דאָס גוט לערנען און וויסן אַלס הכנה צו קבלת התורה. הערשט נאָכדעם וואָס מיר ווייסן איבער זיין גרויסע ענדלאָזע אהבה צו יעדע אידישע נשמה, יעצט קען מען גיין מקבל זיין די תורה!

**פטרוני השבוע**
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ידידנו הדגול
**הרוצה בעילום שמו**
לזכות רפואה שלמה בקרוב
**יהודה גרשון בן שרה**
**הילד משה בן חנה**
בתוך שאר חולי ישראל

לזכר נשמת
הרה"ק **רבי חיים זאנוויל**
**בן רבי משה** זצוק"ל
**אדמו"ר מריבניץ**

• ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה •

**צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות**
**ביטע רופט: 718.387.1122 | info@machonhavineini.com**

**• ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים: •**

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך

ביהמ"ד בראשוב
Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד יטב לב דסאטמאר - 13Monsey Blvd
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont

קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223